# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות....................4:38
מוצאי שב"ק......................6:10

**שיעורים כסדרן**
נ"ך......................יהושע י"א-י"ב
בבלי....................סנהדרין ל"ב
ירושלמי.....................מגילה א'
תוספתא...................בכורים ב'
רמב"ם..מטמאי משכב ומושב א'

פרשת שמות, י"ח טבת, שנת תשפ"ה לפ"ק
שנה 14, גליון 16 (684)


## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

תִּכְבַּד הָעֲבֹדָה עַל הָאֲנָשִׁים וְיַעֲשׂוּ בָהּ וְאַל יִשְׁעוּ בְּדִבְרֵי שָׁקֶר. אִין דִי וָואכְנְדִיגֶע פַּרְשָׁה לֶערְנֶען מִיר וִוי דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֶענֶען גֶעוֶוען פַארְשְׁקְלַאפְט פַאר פַּרְעֹה, גֶעדַארְפְט אַרְבֶּעטְן שְׁוֶוער, דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען בִּיטֶערֶע שְׁוֶועריקַייטְן, בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעשִׁיקְט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ זֵיי אַרוֹיסְצוּנֶעמֶען פוּן מִצְרַיִם, אוֹיסְלֵייזְן פוּן דֶעם שְׁוֶוערְן גָּלוּת, אָבֶער עֶס אִיז נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען אַזוֹי שְׁנֶעל, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּ פַּרְעֹה זָאגְן עֶר זָאל אַרוֹיסְשִׁיקְן דִי אִידְן פוּן מִצְרַיִם אוּן פַּרְעֹה הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט, אִיז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ נָאכְאַמָאל גֶעגַאנְגֶען צוּ פַּרְעֹה אוּן פַּרְעֹה הָאט נָאכְאַמָאל נִישְׁט גֶעוָואלְט, אַזוֹי הָאט זִיךְ אִיבֶּערְגֶע'חַזֶר'ט עֶטְלִיכֶע מָאל מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט זִיךְ גֶעקְרִיגְט מִיט פַּרְעֹה.

דָאס אִיז אַ מִלְחָמָה וָואס גֵייט אִיבֶּער אוֹיף יֶעדְן, אֵיינְמָאל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ בַּיי פַּרְעֹה אוּן אֵיינְמָאל אִיז עֶר בַּיי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, אָט בִּין אִיךְ בַּיי פַּרְעֹה אוּן אָט בִּין אִיךְ בַּיי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ.

דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט פוּן זַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן (שִׁבְחֵי הָרַ"ן, סִימָן ה'), אוּן דָאס אִיז שְׁטַארְקֶע חִיזּוּק פַאר וֶוער עֶס ווִיל זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט בַּיי דִי דְרַייצְן יָאר, עֶר הָאט דַאן גֶעווּאוֹינְט נֶעבְּן זַיין שְׁוֶוער רֶבִּי אֶפְרַיִם זַ"ל אִינֶעם דֶערְפְל הוּסִיַאטִין, דָארְט הָאט עֶר גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּאהַאלְטֶענֶערְהֵייט, אִינְדְרוֹיסְן הָאט עֶר זִיךְ גֶעמַאכְט וִוי אַ פָּשׁוּטֶער מֶענְטְשׁ, אֲפִילוּ דֶער רֶבִּי'נְס שְׁוֶוער, הָאט אוֹיךְ נִישְׁט גֶעוְואוּסְט אַז דֶער רֶבִּי דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט וִוי עֶר שְׁפִּילְט זִיךְ מִיט חֲבֵרִים אוּן גְלִיטְשְׁט זִיךְ אִין דִי שְׁנֵיי, אָבֶער שְׁטִילֶערְהֵייט הָאט עֶר גֶעלֶערְנְט אוּן גֶעדַאוֶונְט. רֶבִּי נָתָן דֶערְצֵיילְט דָארְט אַז דֶער עִיקָר עֲבוֹדָה פוּן רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען פָּשׁוּטֶערְהֵייט, אָן קַיין שׁוּם חָכְמוֹת; זַיין דַאוֶונֶען אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי וִוי אַ קִינְד דַאוֶונְט, אִינֶעוֵוייניג אִין אַ סִידוּר, אָן חָכְמוֹת, אָן דְרֵיידְלֶעךְ, אוֹיךְ זַיין לֶערְנֶען אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר פָּשׁוּט. אוּן יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן אִיז אִים אָנְגֶעקוּמֶען זֵייעֶר שְׁוֶוער, מַמָּשׁ מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ, קַיין שׁוּם זַאךְ אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם אִיז אִים נִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען גְרִינְג, דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְּלָאגְט פַאר יֶעדֶע זַאךְ אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אַ לַאנְגֶע צַייט.

יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הֵייבְּט אַמָאל אָן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען נֶעמְט זִיךְ פָאר גוּטֶע קַבָּלוֹת, מֶען הֵייבְּט אָן אַ נֵייעֶ שִׁיעוּר, מֶען הֵייבְּט אָן דַאוֶונֶען, מֶען הֵייבְּט אָן אַרְבֶּעטְן אוֹיף דִי מִדָּה, אוֹיף יֶענֶע מִדָּה, אוּן עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער, וֶוען מֶען זֶעט אָבֶער וִוי דֶער רֶבִּי אַלֵיינְס הָאט דֶערְצֵיילְט פוּן זִיךְ אַז קַיין שׁוּם עֲבוֹדָה אִיז אִים נִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען גְרִינְג, יֶעדֶע זַאךְ אִיז אִים אָנְגֶעקוּמֶען זֵייעֶר שְׁוֶוער, מִיט מְסִירַת נֶפֶשׁ, אִיז דָאס מוֹרָא'דִיגֶע חִיזּוּק פַאר אוּנְז, זֶעעֶנְדִיג וִוי פַאר יֶעדְן קוּמְט עֶס אָן שְׁוֶוער, אֲפִילוּ פַאר גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים.

דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט אַז עֶר הָאט גֶעהַאט טוֹיזְנְטֶער אוּן צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער עֲלִיּוֹת וִירִידוֹת. דָאס אִיז מוֹרָא'דִיגֶע הִתְחַזְּקוּת; מֶען טְרַאכְט אֵייבִּיג, 'דֶער צַדִּיק אִיז אַ צַדִּיק וַוייל עֶר וֵוייסְט נִישְׁט פוּן קַיין נִסְיוֹנוֹת, עֶס קוּמְט אִים אַלֶעס אָן גְרִינְג, אִיךְ קֶען אָבֶער נִישְׁט זַיין אַ צַדִּיק, אִיךְ הַאלְט דָאךְ אִין אֵיין פַאלְן', דָאס אִיז אָבֶער נִישְׁט רִיכְטִיג, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט אַז עֶר הָאט אוֹיךְ גֶעהַאט, טוֹיזְנְטֶער אוּן צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער עֲלִיּוֹת וִירִידוֹת.

גֶעוֶוענְלִיךְ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ נֶעמְט זִיךְ פָאר אַ נֵייעֶ קַבָּלָה, אוּן הֵייבְּט עֶס אָן צוּ טוּן, עֶר פַאלְט אַרָאפּ אֵיין מָאל, עֶר פַאלְט אַרָאפּ נָאכְאַמָאל, עֶר פַאלְט אַרָאפּ אַ דְרִיטֶע מָאל, מַאכְט עֶר אָפּ, "שׁוֹין, גֶענוּג גֶעוֶוען, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין פְּרוּבִּירְט, אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן אוּן עֶס גֵייט נִישְׁט!", אִיךְ וֵייס נִישְׁט אוֹיבּ אֵיינֶער קֶען זָאגְן אוֹיף זִיךְ "אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעמַאכְט צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער קַבָּלוֹת, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער מָאל גֶעוָואלְט וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד", קֶען זַיין הָאסְט שׁוֹין פְּרוּבִּירְט צְוֵויי מָאל, דְרֵיי מָאל, צֶען מָאל, צְוָואנְצִיג מָאל, הוּנְדֶערְט מָאל, מֶערְסְטְנְס טוֹיזְנְט מָאל, אָבֶער נָאךְ טוֹיזְנְט מָאל פְּרוּבִּירְן אוּן דוּ פַאלְסְט נָאכְאַלְץ אַרָאפּ, דַאן הֵייבְּסְטוּ שׁוֹין אוֹיף דִי הַאנְט, "אִיךְ גֶעבּ אוֹיף, עֶס גֵייט מִיר נִישְׁט", דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט אָבֶער: "אִיךְ הָאבּ פְּרוּבִּירְט צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד 'צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער מָאל', אִיךְ הָאבּ נִישְׁט אָפְּגֶעלָאזְט מַיין ווִילְן!"

פַארְוָואס זָאלְסְטוּ אוֹיפְגֶעבְּן דַיין שִׁיעוּר? פַארְוָואס זָאלְסְטוּ אוֹיפְגֶעבְּן דַיין דַאוֶונֶען? פַארְוָואס זָאלְסְטוּ אוֹיפְגֶעבְּן דַיין שְׁמִירַת עֵינַיִם? פַארְוָואס זָאלְסְטוּ אוֹיפְגֶעבְּן דַיינֶע גוּטֶע קַבָּלוֹת וָואס דוּ הָאסְט זִיךְ פָארְגֶענוּמֶען אָנְהֵייבּ יָאר צוּ טוּן דָאס יָאר? רוֹב מֶענְטְשְׁן הָאבְּן שׁוֹין אָפְּגֶעלָאזְט אַלֶע קַבָּלוֹת וָואס זֵיי הָאבְּן זִיךְ פָארְגֶענוּמֶען אָנְהֵייבּ יָאר צוּם נֵייעֶם יָאר, פַארְוָואס? וַוייל עֶס גֵייט דִיר נִישְׁט הָאסְטוּ אוֹיפְגֶעגֶעבְּן? עֶס גֵייט נִישְׁט פַאר קֵיינֶעם; פַאר'ן רֶבִּי'ן אִיז עֶס אוֹיךְ נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען, עֶס אִיז נִישְׁט דָא אַזַא זַאךְ עֶס זָאל גֵיין, מֶען דַארְף זִיךְ אַסַאךְ מְחַזֵּק זַיין צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אֲפִילוּ וֶוען מִיר שְׁפִּירְן זִיךְ פַארְשְׁקְלַאפְט פַאר פַּרְעֹה, פַארְקְנֶעכְטֶעט צוּם יֵצֶר הָרָע, דַארְפְן מִיר נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל לוֹיפְן צוּם צַדִּיק, צוּ מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, וָואס עֶר וֶועט אוּנְז מְחַזֵּק זַיין אַלְץ אָנְצוּהוֹיבְּן פוּן פְרִישׁ, נִישְׁט קַיין חִילּוּק וִויפִיל מֶען מֶען אִיז שׁוֹין גֶעפַאלְן, אוּן בַּיים סוֹף וֶועלְן מִיר אַרוֹיסְגֵיין פוּן אוּנְזֶער גָּלוּת, אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אֱמֶת'עֶ עֶרְלִיכֶע אִידְן. (אֲשֶׁר הָיָה אֶל יוֹאֵל, שְׁמוֹת תשפ"ב)

## מוֹהַרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### דִי הֵיילִיגֶע שׁוֹבָבִי"ם טֶעג

מִיר הָאבְּן יֶעצְט אַרַיינְגֶעטְרֶעטְן אִין דִי הֵיילִיגֶע טֶעג פוּן שׁוֹבָבִי"ם, וָואס דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ הָאט מְגַלֶּה גֶעוֶוען אַז דִי וָואכְן זֶענֶען גָאר שְׁטַארְק מְסוּגָּל אוֹיף תְּשׁוּבָה, אִין דִי יֶעצְטִיגֶע טֶעג אִיז גְרִינְגֶער זִיךְ צוּ דֶערְנֶענְטֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן פַארֶרעכְטְן אַלֶעס וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן אִין לֶעבְּן.

דֶער אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ רֶעכְנְט אוֹיס וִויפִיל תַּעֲנִיתִים אַ מֶענְטְשׁ דַארְף פַאסְטְן, אוֹיף יֶעדֶע עֲבֵירָה בַּאזוּנְדֶער וָואס עֶר הָאט חַס וְשָׁלוֹם עוֹבֵר גֶעוֶוען. אוֹיבּ וֶועלְן מִיר דַארְפְן פַאסְטְן דִי אַלֶע תַּעֲנִיתִים, הָאבְּן מִיר נִישְׁט גֶענוּג טֶעג אִין לֶעבְּן צוּ קֶענֶען עֶנְדִיגְן דִי אַלֶע תַּעֲנִיתִים.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַ מָשָׁל אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען אַמָאל אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר וָואס הָאט גֶעהַאט גָאר אַסַאךְ גֶעלְט. דֶער עוֹשֶׁר הָאט אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן אַ מֶעלְדוּנְג אַז וֶוער עֶס ווִיל בָּארְגְן גֶעלְט קֶען קוּמֶען צוּ אִים אוּן בָּארְגְן וִויפִיל מֶען ווִיל. פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען אִיבֶּערְגֶענוּג מֶענְטְשְׁן וֶועלְכֶע הָאבְּן זִיךְ צוּגֶעכַאפְּט דֶערְצוּ אוּן דֶער עוֹשֶׁר הָאט טַאקֶע גֶעבָּארְגְט פַאר יֶעדְן וִויפִיל מֶען הָאט נָאר גֶעוָואלְט, אוּן עֶר הָאט

<<<<<<

## א גוטווארט

זֶע מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת צוּ זַיין פְרֵייליךְ, אַלֶע צָרוֹת, דַחְקוּת אוּן מְרִירוּת, קוּמְט צוּם מֶענְטְשׁ פוּן עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה, אוּן אַלֶע הַצְלָחָה אוּן בְּרָכוֹת קוּמְט אוֹיבּ מֶען אִיז פְרֵייליךְ. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת שִׂמְחָה חֵלֶק ב', סִימָן א): "מִי שֶׁהוּא שָׂמֵחַ תָּמִיד, עַל יְדֵי זֶה הוּא מַצְלִיחַ", וֶוער עֶס אִיז שְׁטֶענְדִיג פְרֵייליךְ – אִיז מַצְלִיחַ.

דִי עִיקָר הַצְלָחָה אִיז – אַז מֶען הָאט שְׁלוֹם בַּיִת; דוּרְךְ שִׂמְחָה אִיז דָא שָׁלוֹם בַּיִת, וֶוען מֶען אִיז פְרֵייליךְ בַּאדֶערְט גָארְנִישְׁט, מֶען זֶעט נָאר דִי מַעֲלוֹת אֵיינֶער אוֹיפְן צְוֵוייטְן.

דוּ זָאלְסְט נָאר זִינְגֶען אוּן טַאנְצְן, אוּן פְרֵייליךְ מַאכְן דַיין ווַייבּ אוּן קִינְדֶער; מִיט שִׂמְחָה פַארְבְּרֶענְט מֶען אַלֶע קְלִיפּוֹת וּמַשְׁחִיתִים וָואס מֶען הָאט בַּאשַׁאפְן דוּרְךְ פּוֹגֵם זַיין רַחֲמָנָא לִצְלָן, מִיט שִׂמְחָה אִיז מֶען זוֹכֶה אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מוֹחֵל אוֹיף אַלֶע עֲבֵירוֹת.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיְחִי תשפ"ה)

## אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# דִי עֲבוֹדָה אִין דִי שׁוֹבָבִ"ים טֶעג

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם ה' פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, ט"ז טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן
לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת אֱמוּנָה, סִימָן לג): "עַל יְדֵי אֱמוּנָה, הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא יִסְלַח לְךָ עַל כָּל עֲוֹנוֹתֶיךָ", דוּרְךְ אֱמוּנָה אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל אוֹיף אַלֶע עֲבֵירוֹת; זָאלְסְטוּ זִיךְ אַרַיינְטוּן אִין דִי אֱמוּנָה, חַזֶר אֱמוּנָה, אוּן לֶעבּ מִיט אֱמוּנָה, אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלֶעס פִּירְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (חוּלִין ז:): "אֵין אָדָם נוֹקֵף אֶצְבָּעוֹ מִלְּמַטָּה אֶלָּא אִם כֵּן מַכְרִיזִין עָלָיו מִלְּמַעְלָה", אַ מֶענְטְשׁ צוּקְלֶעמְט זִיךְ נִישְׁט זַיין פִינְגֶער אָן דֶעם וָואס מֶען זָאל אוֹיסְרוּפְן אִין הִימְל פוּן פָארְאוֹיס אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ צֶעקְלַאפְּן זַיין פִינְגֶער; פַּרְנָסָה, קִינְדֶער, גֶעזוּנְט - אַלֶעס מַאכְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן מַיין לִיבֶּער בְּרוּדֶער, מַיין הַארְצִיגֶער חָבֵר; דִי לֶעבְּן וֶועט דִיר וֶוערְן זִיס, מִיט אֱמוּנָה אִיז אַזוֹי שֵׁיין אַלֶעס, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ דִי אֱמוּנָה - גֵייט אִים אַלֶעס גָאר אַנְדֶערְשׁ; מֶען וֵוייסְט אַז קֵיינֶער קֶען גָארְנִישְׁט טוּן, קֵיינֶער קֶען נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן אוּן קֵיינֶער קֶען נִישְׁט גוּטְס טוּן, אַלֶעס וָואס פַּאסִירְט אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס אִיז אוּנְזֶער עֲבוֹדָה אִין דִי שׁוֹבָבִ"ים טֶעג; חַזֶר'ן אֱמוּנָה, לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן לג): "אֵצֶל הָעוֹלָם אֱמוּנָה הוּא דָּבָר קָטָן", בֵּיי דִי וֶועלְט אִיז אֱמוּנָה אַ קְלֵיינִיקֵייט, "וְאֶצְלִי אֱמוּנָה הוּא דָּבָר גָּדוֹל מְאֹד", אָבֶּער בֵּיי מִיר אִיז דֶער עִיקָר אֱמוּנָה, "וְעִקַּר הָאֱמוּנָה הִיא בְּלִי שׁוּם חָכְמוֹת וַחֲקִירוֹת כְּלָל", אָן קֵיין חֲקִירוֹת אוּן אָן קֵיין חָכְמוֹת, "רַק בִּפְשִׁיטוּת גָּמוּר כְּמוֹ שֶׁהַנָּשִׁים וְהֶהָמוֹן עַם הַכְּשֵׁרִים מַאֲמִינִים", נָאר אַזוֹי וִוי פְרוֹיעֶן אוּן פָּשׁוּטֶ'ע מֶענְטְשְׁן גְלֵייבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט
הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה שְׁמוֹת תשפ"ה)

## סֵפֶר הַמִּדּוֹת תְּפִלָּה

מ. הַנִּפְנֶה וְנוֹטֵל יָדָיו וּמַנִּיחַ תְּפִלִּין וְקוֹרֵא קְרִיאַת שְׁמַע וּמִתְפַּלֵּל, כְּאִלּוּ בָּנָה מִזְבֵּחַ וְהִקְרִיב עָלָיו קָרְבָּן וּכְאִלּוּ טָבַל. וֶוער עֶס גֵייט אַרוֹיס אִינְדֶערְפְרִי אִין בֵּית הַכִּסֵּא, עֶר וַואשְׁט זִיךְ דִי הֶענְט, עֶר לֵייגְט תְּפִלִּין, עֶר לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע, אוּן עֶר דַאוֶונְט; אִיז אַזוֹי וִוי עֶר הָאט גֶעבּוֹיעֶט אַ מִזְבֵּחַ אוּן מַקְרִיב גֶעוֶוען אוֹיף דֶעם אַ קָרְבָּן, אוּן אַזוֹי וִוי עֶר הָאט זִיךְ גֶע'טוֹבְל'ט.

מא. מִי שֶׁנִּזְהָר לוֹמַר דִּבּוּר קָדוֹשׁ בְּבֵית הַטִּנֹּפֶת, יִזְכֶּה לַאֲרִיכוּת יָמִים. וֶוער עֶס גֶעבְּט אַכְטוּנְג נִישְׁט צוּ רֶעדְן הֵיילִיגֶע זַאכְן אִין אַ טָמֶא'נֶע פְּלַאץ, וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ אַ לַאנְג לֶעבְּן.

מב. גְּדוֹלָה תְּפִלָּה מִמַּעֲשִׂים טוֹבִים וּמִן הַקָּרְבָּנוֹת. תְּפִלָּה אִיז גְרֶעסֶער פוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים אוּן פוּן קָרְבָּנוֹת.

<<<<<< מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

פַּארְשְׁרִיבְּן אַלֶע חֶשְׁבּוֹנוֹת אִין זַיין בּוּךְ.

אֵיין טָאג אִיז דֶער עוֹשֶׁר אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען זַיינֶע בִּיכֶער אוּן גֶעזֶען אַז עֶר הָאט שׁוֹין אַרוֹיסְגֶעבָּארְגְט גָאר אַסַאךְ גֶעלְט, אָבֶּער דִי מֶענְטְשְׁן קִימֶערְן נִישְׁט צוּרִיק צוּ קוּמֶען אוּן בַּאצָאלְן דָאס גֶעלְט, אוּן דָאס הָאט אִים זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעשְׁטֶערְט. צְוִוישְׁן דִי מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן גֶעבָּארְגְט גֶעלְט פוּן דֶעם עוֹשֶׁר אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען אֵיינֶער וָואס הָאט גֶעבָּארְגְט אַבִּיסְל גֶעלְט אוּן עֶר הָאט דָאס אַיינְגֶעשְׁטֶעקְט אִין אַ גֶעשֶׁעפְט, דֶער גֶעשֶׁעפְט הָאט אָבֶּער נִישְׁט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען, עֶר הָאט פַארְלוֹירְן דָאס גַאנְצֶע גֶעלְט, אוּן עֶר הָאט גֶעהַאט גְרוֹיסֶע יִסוּרִים פוּן דֶעם אַז עֶר קֶען נִישְׁט בַּאצָאלְן פַארְ'ן עוֹשֶׁר. דֶער מֶענְטְשׁ הָאט בַּאשְׁלָאסְן אַז אֲפִילוּ עֶר הָאט טַאקֶע נִישְׁט דָאס גֶעלְט צוּ בַּאצָאלְן, דַארְף עֶר כָאטְשׁ אַזוֹיפִיל טוּן אַז עֶר זָאל אַרִיבֶּערְגֵיין צוּם עוֹשֶׁר אוּן זִיךְ פַארֶענְטְפֶערְן אוּן אִים אִיבֶּערְבֶּעטְן. וֶוען עֶר הָאט אִיבֶּערְגֶעבֶּעטְן דֶעם עוֹשֶׁר אוּן אִים דֶערְצֵיילְט דִי סִיבָּה פַארְוָואס עֶר קֶען נִישְׁט צָאלְן זַיין חוֹב, הָאט אִים דֶער עוֹשֶׁר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "וָואס גֵייט מִיר אָן דָאס בִּיסְל גֶעלְט וָואס דוּ הָאסְט גֶעבָּארְגְט פוּן מִיר? דָאס אִיז מַמָּשׁ גָארְנִישְׁט קֶעגְן דִי שְׁוֶוערֶע גֶעלְטֶער וָואס אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן זֶענֶען מִיר שׁוּלְדִיג. דֶערִיבֶּער, אוֹיבּ וֶועסְטוּ זִיךְ אוּנְטֶערְנֶעמֶען אַרוּמְצוּגֵיין אוּן מְעוֹרֵר זַיין דִי אַלֶע מֶענְטְשְׁן אַז זֵיי זָאלְן מִיר בַּאצָאלְן, אֲפִילוּ זֵיי זָאלְן נָאר בַּאצָאלְן אַ קְלֵיין חֵלֶק פוּן זֵייעֶר חוֹב, וֶועט עֶס נָאכְאַלְץ אוֹיסְקוּמֶען טוֹיזְנְטֶער מָאל מֶער גֶעלְט פוּן וִויפִיל דוּ בִּיזְט מִיר שׁוּלְדִיג, אוּן דַאן וֶועל אִיךְ דִיר אִינְגַאנְצְן מוֹחֵל זַיין אוֹיף דֶעם חוֹב". מִיט דֶעם מָשָׁל הָאט דֶער רֶבִּי אַרוֹיסְגֶעבְּרֶענְגְט דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן מְעוֹרֵר זַיין אִידְן צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וֶוען אַ אִיד אִיז מְחַזֵּק אַנְדֶערֶע אִידְן, עֶר שְׁטַארְקְט זֵיי אַז זֵיי זָאלְן נִישְׁט זַיין אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן בַּיי זִיךְ, אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ נֶעמֶען אִין דִי הֶענְט אַרַיין צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דַאן אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל פַאר דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיף אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת.

סְפֶּעצִיעֶל וֶוען אַ אִיד אִיז זוֹכֶה צוּ גֶעבְּן פַאר אַ צְוֵוייטְן אַ סֵפֶר וָואס וֶועט יֶענֶעם מְחַזֵּק זַיין אוּן מְעוֹרֵר זַיין צוּ תְּשׁוּבָה, אִיז דָאס נָאךְ מֶער חָשׁוּב. וַוייל וֶוען מֶען רֶעדְט צוּ אַ מֶענְטְשׁ, וֶועט נִישְׁט אֵייבִּיג פַּאסְטְן פַאר יֶענֶעם מְקַבֵּל צוּ זַיין דִי וֶוערְטֶער, עֶר וֶועט זִיךְ שֶׁעמֶען אָנְצוּנֶעמֶען דִי וֶוערְטֶער, אוֹיךְ קֶען זַיין אַז יֶענֶער אִיז נִישְׁט יֶעצְט אִין דִי גִיסְטֶע צוּ הֶערְן חִיזּוּק אָדֶער מוּסָר. וֶוען מֶען גֶעבְּט אָבֶּער פַאר יֶענֶעם אַ סֵפֶר, דַאן וֶועט עֶס יֶענֶער אַרַיינְלֵייגְן אִין טַאשׁ; אוּן שְׁפֶּעטֶער, וֶוען קֵיינֶער וֶועט נִישְׁט זֶען, אוּן וֶוען עֶר וֶועט זַיין אִין דִי גִיסְטֶע, וֶועט עֶר עֶס קֶענֶען לֵיינֶען אוּן לֶערְנֶען, אוּן דָאס וֶועט אִים צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. מֶענְטְשְׁן גֵייעֶן אַרִיבֶּער אַסַאךְ שְׁוֶוערִיקֵייטְן אִין לֶעבְּן, בְּרוּחֲנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת, אוּן מִיט דֶעם וָואס מֶען גֶעבְּט פַאר מֶענְטְשְׁן צוּ פַארְזוּכְן פוּן דִי גֶעוַואלְדִיגֶע עֵצוֹת אוּן הִתְחַזְּקוּת פוּן רֶבִּי'ן, קֶען מֶען מִיט דֶעם מַמָּשׁ רַאטֶעוֶוען אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אוּן דִי שְׂכַר אוֹיף דֶעם אִיז אוּמְשַׁאצְבַּאר.

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דֶער סַמַ"ךְ מֶ"ם קֶען דָאס נִישְׁט אוֹיסְהַאלְטְן, מֶען הַאקְט דָאךְ אוּנְטֶער מִיט דֶעם זַיין גַאנְצֶע הָארֶעוַואנְיֶע. עֶר אַרְבֶּעט שְׁוֶוער צוּ צוּבְּרֶעכְן דִי מוּט פוּן מֶענְטְשְׁן אַז מֶען זָאל פַארְלִירְן דִי חֵשֶׁק צוּ זַיין וואוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ, אוּן דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים זֶענֶען מְחַזֵּק אוּן מְעוֹדֵד אַז מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט לָאזְן צוּבְּרֶעכְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ, וַוייל סַיי וָואס אַ מֶענְטְשׁ הָאט נָאר אָפְּגֶעטוּן אִין לֶעבְּן, קֶען עֶר אֵייבִּיג צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן דֶערִיבֶּער וֶועט דֶער סַמַ"ךְ מֶ"ם זוּכְן אַלֶע וֶועגְן צוּ שְׁטֶערְן דָאס פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים פוּן רֶבִּי'ן. דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט אוֹיף זִיךְ (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ז') אַז אֵיידֶער זַיין נְשָׁמָה אִיז אַרָאפְּגֶעקוּמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט הָאט דֶער סַמַ"ךְ מֶ"ם גֶע'טַעֲנָה'ט אַז אוֹיבּ דִי נְשָׁמָה קוּמְט אַרָאפּ אוֹיף דֶער וֶועלְט, הָאט עֶר שׁוֹין נִישְׁט דָא וָואס צוּ זוּכְן. הָאט מֶען גֶעזָאגְט פַארְ'ן סַמַ"ךְ מֶ"ם אַז דִי נְשָׁמָה מוּז אַרָאפְּקוּמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן עֶר זָאל זִיךְ גֵיין זוּכְן אַן עֵצָה. דֶער סַמַ"ךְ מֶ"ם אִיז אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען אוּן עֶר אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען מִיט אַן אַלְטְן מֶענְטְשׁ אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעלַאכְט אוּן גֶעזָאגְט אַז זֵיי הָאבְּן שׁוֹין גֶעטְרָאפְן אַן עֵצָה...

אוּן דִי עֵצָה אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען דָאס, אַז מֶען וֶועט לַאכְן... מֶען וֶועט אוֹיסְלַאכְן דִי בְּרֶסְלֶב'עֶ סְפָרִים, מֶען וֶועט חוֹזֵק מַאכְן דֶערְפוּן, אוּן דִי עֵצָה אַרְבֶּעט טַאקֶע זֵייעֶר גוּט... וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּקְט אָבֶּער מִיט אַן אֱמֶת'דִיגְן בְּלִיק, זֶעט עֶר אַז דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'נְ'ס סְפָרִים זֶענֶען מְחַיֶּה' אוּן מְחַזֵּק אַ אִיד אִין דִי שְׁוֶוערְסְטֶע מַצָּבִים, דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים הָאבְּן דֶעם כֹּחַ צוּרִיק צוּ בְּרֶענְגֶען יֶעדְן אִיד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט זָאגְן אַז אַזוֹי וִוי עֶר אַלֵיין אִיז מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן דוּרְךְ דֶעם וָואס אַ אִיד הָאט גֶעגֶעבְּן דֶעם סֵפֶר "מְשִׁיבַת נֶפֶשׁ" פַאר זַיין פָאטֶער. אוּן מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעטְרָאפְן דֶעם סֵפֶר אוּן גֶעזֶען דִי הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער פוּן הִתְחַזְּקוּת, אוּן דָאס הָאט אִים גֶעמַאכְט פַאר אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, דֶערִיבֶּער הָאט עֶר זִיךְ וַוייטֶער אוֹיךְ אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין דֶעם צוּ פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים פַאר יֶעדְן אִיד, אוּן מִיט דֶעם צוּרִיק בְּרֶענְגֶען אַלֶע אִידְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס נוּצְט אוֹיס דִי הֵיילִיגֶע שׁוֹבָבִ"ים טֶעג צוּ מְחַזֵּק זַיין נָאךְ אִידְן אוּן זֵיי דֶערְנֶענְטֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים זִיכֶער מוֹחֵל זַיין אוֹיף אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת, אוּן עֶס וֶועט אִים זַיין גוּט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק י' עֶרֶךְ הַפָּצָה וְעֶרֶךְ הִתְחַזְּקוּת. חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן תמ"ז)

## שְׁמוּעֶסְן אוּן גֶעדַאנְקֶען

וֶוער עֶס אִיז אַלְץ פְרֵיילִיךְ, לֶעבְּט אַן אֱמֶת'עֶ אוּן גוּטֶע לֶעבְּן אַלֶעמָאל. וֶוער עֶס וִויל הָאבְּן אַ גוּטֶע גֶעשְׁמַאקֶע לֶעבְּן, אַ לֶעבְּן מִיט'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאל פְּרוּבִּירְן אוֹיף אַלֶע וֶועגְן צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן נִישְׁט קוּקְן אוּן זִיךְ נִישְׁט וִויסְנְדִיג מַאכְן פוּן קֵיין שׁוּם זַאךְ וָואס קֶען שְׁטֶערְן פוּן דֶעם.

בֵּיי דִי נְבִיאִים אוּן בְּנֵי הַנְּבִיאִים אִיז אַלְץ גֶעוֶוען מוּזִיקַאלִישֶׁע כְּלֵי זֶמֶר, אַ תֹּף וְנֵבֶל וְכִנּוֹר, זֵיי הָאבְּן גֶעזִינְגֶען אוּן גֶעטַאנְצְן כְּסֵדֶר, אוּן דוּרְכְדֶעם הָאבְּן זֵיי זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ דִי הֶאָרָה פוּן נְבוּאָה. (אִמְרֵי מוֹהֲרָא"שׁ, חֵלֶק א', סִימָן מ"ד)

# דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן (קצ)

אִינֶעם אַכְטְן טָאג הָאט דֶער רֶבִּי גֶעמַאכְט דֶעם בְּרִית פַּארְ׳ן אֵיינִיקְל, אוּן נָאךְ דִי בְּרִית אִיז עֶר גֶעוֶוען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ דֶעם גַאנְצְן טָאג. דָאס קִינְד הָאט מֶען אַ נָאמֶען גֶעגֶעבְּן יִשְׂרָאֵל, נָאכְ׳ן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זי״ע. אֵיינֶער הָאט דֶערְמַאנְט דֶעם רֶבִּי׳ן אַז דָאס קִינְד הֵייסְט ׳יִשְׂרָאֵל בֶּן שָׂרָה׳, פּוּנְקְט וִוי מֶען הָאט גֶערוּפְן דֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זי״ע, וָואס זַיין מַאמֶע הָאט אוֹיךְ גֶעהֵייסְן שָׂרָה. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעשְׁמֵייכְלְט אוּן אִים צוּגֶעשָׁאקְלְט מִיטְ׳ן קָאפּ.

דֶעם דְרִיטְן טָאג פוּנֶעם בְּרִית, שְׁלִישִׁי לְמִילָה, אִיז דִי קִימְפֶּעטָארִין זֵייעֶר פַּארְשְׁלַאפְט גֶעוָוארְן, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאט גָאר אַסַאךְ צַעַר פוּן דֶעם, עֶר אִיז גְלַייךְ אַרוֹיס פוּן הוֹיז, עֶר אִיז גֶעלָאפְן שְׁנֶעל אוּן אִיז אַרַיין אִין וָואגְן, אוּן עֶר הָאט גֶעהֵייסְן דֶעם בַּעַל עֲגָלָה עֶר זָאל שְׁנֶעל גֶעשְׁוִוינְד אַרוֹיסְפָארְן פוּן קְרִימִינְטְשָׁאק.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז זַיין חַיוּת גֵייט אִים אַרוֹיס פוּן גְרוֹיס צַעַר, אוּן דֶער מֶענְטְשׁ וָואס הָאט אִים בַּאגְלֵייט דִי גַאנְצֶע וֶועג, ר׳ שְׁמוּאֵל פוּן טֶעפְּלִיק, הָאט זִיךְ אַבִּיסְל פַארְזוֹימְט, עֶר הָאט נִישְׁט צוּגֶעלֵייגְט קָאפּ וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט, ״קוּם שׁוֹין יֶעצְט, לָאמִיר אַוֶועקְפָארְן פוּן דָא״, דֶערִיבֶּער הָאט אִים דֶער רֶבִּי דָארְט אִיבֶּערְגֶעלָאזְט, אוּן עֶר הָאט גֶעדַארְפְט אַלֵיין דִינְגֶען אַ וָואגְן אוּן נָאכְלוֹיפְן דֶעם רֶבִּי׳ן, בִּיז עֶר הָאט דֶערְגְרַייכְט אִינְמִיטְן וֶועג.

### תרמז

**פַּאר פּוּרִים**, הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ שְׁטִילֶערְהֵייט אָפְּגֶעשְׁמוּעֶסְט מִיט ר׳ שְׁמוּאֵל טֶעפְּלִיקֶער זַ״ל, וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען אֵיינֶער פוּן דִי שְׁטַארְקֶע תַּלְמִידִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, גָאר אַ גְרוֹיסֶער עֶרְלִיכֶער אִיד, אוּן עֶר הָאט אוֹיךְ עוֹסֵק גֶעוֶוען אִין פַּרְנָסָה, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשְׁמוּעֶסְט מִיט אִים אַז אַזוֹי וִוי עֶר פְּלַאנְט אַוֶועקְצוּפָארְן אוֹיף אַ לַאנְגֶע נְסִיעָה, אוֹיבּ עֶר וִויל מִיטְפָארְן מִיט אִים.

ר׳ שְׁמוּאֵל הָאט גְלַייךְ מַסְכִּים גֶעוֶוען, דֶער רֶבִּי הָאט אִים אָבֶּער גֶעזָאגְט אַז עֶר דַארְף קוֹדֶם פְרֶעגְן רְשׁוּת פוּן זַיין וַוייבּ, אוֹיבּ זִי אִיז מַסְכִּים אַז אִיר מַאן זָאל נִישְׁט זַיין אִינְדֶערְהֵיים פַאר בְּעֶרֶךְ אַ יָאר, וַוייל דָאס אִיז גֶעוֶוען לְכַתְּחִלָּה דִי פְּלַאן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אַז עֶר וֶועט זִיךְ אוֹיפְהַאלְטְן אוֹיפְ׳ן וֶועג פַאר אַ יָאר. פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז זַיין וַוייבּ הָאט גְלַייךְ מַסְכִּים גֶעוֶוען מִיטְ׳ן גַאנְצְן הַארְץ אַז אִיר מַאן זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ פָארְן מִיטְ׳ן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אוּן אִים בַּאדִינֶען, זִי הָאט גֶעהַאט אַ שְׁטַארְקֶע גֶעפִיל אִין הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, דִי לִיכְטִיגְקֵייט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן הָאט גֶעשַׁיינְט בֵּיי אִיר.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר ר׳ שְׁמוּאֵל דְרַייסִיג רֶענְדְלֶעךְ, וָואס מִיט דֶעם הָאט עֶר גֶעקוֹיפְט אַ וָואגְן מִיט פֶערְד, אוּן אוֹיךְ גֶעדִינְגֶען אַ בַּעַל עֲגָלָה וָואס קֶען זִיךְ אוּמְגֵיין מִיט דִי פֶערְד, אוּן צוּזַאמֶען מִיט ר׳ שְׁמוּאֵל הָאט דֶער רֶבִּי אוֹיךְ מִיטְגֶענוּמֶען ר׳ נַפְתָּלִי פוּן נֶעמִירוֹב זַ״ל.

### תרמח

אֵיידֶער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אוֹיף דִי נְסִיעָה, הָאט עֶר גֶעזָאגְט, ״אִיךְ בִּין אַזוֹי וִוי אַ קְלֵיין אִינְגְל וָואס וִויל נִישְׁט גֵיין אִין חֵדֶר, אָבֶּער וֶוען עֶר וֶועט גֵיין אִין חֵדֶר וֶועט עֶר קֶענֶען לֶערְנֶען. וֶוען דִי וֶועלְט וָואלְט גֶעוואוּסְט פַארְוָואס אִיךְ פָאר, וָואלְטְן זֵיי גֶעקוּשְׁט מַיינֶע פִיסְטְרִיט! מִיט יֶעדֶע טְרִיט אוּן טְרִיט וָואס אִיךְ גֶעבּ, וֶועג אִיךְ אַרָאפּ דֶעם וָואגְשָׁאל פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט לְכַף זְכוּת״.

### תרמט

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז אַרוֹיס פוּן הוֹיז אוּן אִיז אַרוֹיף אוֹיפְ׳ן וָואגְן מִיט ר׳ שְׁמוּאֵל טֶעפְּלִיקֶער אוּן ר׳ נַפְתָּלִי פוּן נֶעמִירוֹב.

גְלַייךְ וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אַרוֹיפְגֶעזֶעצְט אוֹיפְ׳ן וָואגְן הָאט עֶר גֶעקְלַאטְשְׁט מִיט דִי הֶענְט מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע שִׂמְחָה אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט, ״הַיינְט הוֹיבְּט זִיךְ אָן אַ נַייעֶ זַאךְ! מִיר זֶענֶען יֶעצְט אַזוֹי וִוי אֵיינֶער וָואס זִינְגְט גָאר אַ הֶערְלִיכֶע שֵׁיינֶע נִיגוּן, אוּן דֶער גַאנְצֶער עוֹלָם טַאנְצְט מִיט. אִין דִי זַייט שְׁטֵייט אָבֶּער אֵיינֶער וָואס פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט אוּן הֶערְט נִישְׁט דֶעם נִיגוּן, אוּן עֶר וואוּנְדֶערְט זִיךְ זֵייעֶר, ׳פַארְוָואס לוֹיפְט מֶען נָאךְ יֶענֶעם מֶענְטְשׁ? פַארְוָואס טַאנְצְט יֶעדֶער?׳, דִי זֶעלְבֶּע אִיז יֶעצְט מָאדְנֶע אִין דִי אוֹיגְן פוּן מֶענְטְשְׁן פַארְוָואס מֶען לוֹיפְט מִיר נָאךְ. וֶוען אִיךְ וֶועל צוּרִיק

<<<<<<

## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



# וִוי אַזוֹי קִימְפֶּעט מֶען בַּיי דִי שְׁוִויגֶער?

*שְׁאֵלָה:*

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א,

מִיר הַאלְטְן בַּיים עֶרְשְׁטְן קִינְד מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס הִילְף בְּשָׁעָה טוֹבָה וּמוּצְלַחַת, אוּן מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס הִילְף גֵייט מַיין וַוייבּ קִימְפֶּעטְן בַּיי מַיין שְׁוִויגֶער אוּן מִיר גֵייעֶן זִיךְ אַרַיינְצִיעֶן צוּ מַיין שְׁוִויגֶער אִינְדֶערְהֵיים פַאר אַ שֵׁיינֶע פָּאר וָואכְן; וַויל אִיךְ בֶּעטְן אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה קֶען מִיר צוּגְרֵייטְן וִוי אַזוֹי מֶען פִירְט זִיךְ אוֹיף וֶוען מֶען וואוֹינְט בַּיי דִי שְׁוִויגֶער, בִּכְלָל וִוי אַזוֹי מְ׳דְרֵייט זִיךְ אַרוּם אִין דִי הוֹיז, צִי קֶען מֶען זִיךְ דְרֵייעֶן מִיט נַאכְט קְלֵיידֶער, אוּן וִוי אַזוֹי מֶען רֶעדְט מִיט דִי שְׁוִויגֶער אַז מֶען בַּאגֶעגְנְט זִיךְ אַזוֹיפִיל מָאל, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי שִׁיעוּרִים אוֹיף קוֹל בְּרֶסְלֶב, אוּן סְפֶּעצִיעֶל פַאר דִי שִׁיעוּר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א גֶעבְּט פַאר אִינְגֶעלַייט יֶעדְן דָאנֶערְשְׁטָאג נַאכְט.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ

יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת וַיְחִי, ט׳ טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דַאנְק אוּן לוֹיבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען הַאלְט שׁוֹין דָא, מֶען גְרֵייט זִיךְ אוֹיף אַ שִׂמְחָה; וִויפִיל מִשְׁפָּחוֹת שְׁטֵייעֶן אוּן וַוארְטְן עֶס זָאל זֵיי שׁוֹין לִיכְטִיג וֶוערְן, זֵיי זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער; וִויפִיל עֶלְטֶערְן וֵויינֶען אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז זֵייעֶרֶע חֲתוּנָה גֶעהַאטֶע קִינְדֶער זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער, אוּן אַז מֶען אִיז זוֹכֶה, מֶען גֵייט הָאבְּן אַ קִינְד - דַארְף מֶען טָאג אוּן נַאכְט זָאגְן: **״שְׁ׳כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אִיךְ דַאנְק דִיךְ אֵייבֶּערְשְׁטֶער, בִּיסְט אַזוֹי גוּט צוּ מִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער״**, אוּן בֶּעטְן פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אַלֶע זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער אוּן צוּ נַחַת פוּן דִי קִינְדֶער.

אַז דַיין וַוייבְּ׳ס עֶלְטֶערְן נֶעמֶען דִיךְ אַרַיין פַאר אַפָּאר וָואכְן - דַארְפְסְטוּ זֵיי זֵייעֶר דַאנְקֶען. וֶוען דוּ קוּמְסְט אַהֵיים צוּ זֵיי זָאלְסְטוּ זֵיי גְרוּסְן אוּן זָאגְן שְׁ׳כֹּחַ, קֵיינְמָאל נִישְׁט אַרַיינְקוּמֶען אָן קְלַאפְּן, אוּן וַוארְטְן מֶען זָאל דִיר עֶפֶענֶען; אֲפִילוּ מֶען מַאכְט דִיר שְׁפִּירְן הֵיימִישׁ וְכוּ׳ - זָאלְסְטוּ זִיךְ פִירְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ.

וֶוען דוּ גֵייסְט אַרוֹיס פוּן שְׁטוּבּ זָאלְסְטוּ זֶען צִי דוּ קֶענְסְט עֶפֶּעס הֶעלְפְן, וִוי לְמָשָׁל אַרוֹיס טְרָאגְן דִי מִיסְט וְכַדוֹמֶה לָזֶה. אַזוֹי אוֹיךְ, וֶוען מֶען גֶעבְּט דִיר עֶסְן זָאלְסְטוּ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען אוֹיף דִי עֶסְן. דְרֵיי זִיךְ נִישְׁט אַרוּם מִיט דִי נַאכְט קְלֵיידֶער, פִיר זִיךְ אוֹיף אַזוֹי וִוי מֶען פִירְט זִיךְ אִין דִי פְרֶעמְד, אוּן אֲפִילוּ זֵיי וֶועלְן דִיר בַּאקְוֶועם מַאכְן אוּן דִיר זָאגְן זָאלְסְט זִיךְ פִירְן הֵיימִישׁ, זָאלְסְטוּ זֵיי בַּאדַאנְקֶען אָבֶּער זִיךְ וַוייטֶער פִירְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ. אַ שְׁוִויגֶער גְרִיסְט מֶען, אוּן אַז מֶען פְרֶעגְט שְׁאֵלוֹת עֶנְטְפֶערְט מֶען, מֶען פִירְט זִיךְ מִיט שֵׂכֶל אוּן מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם.

קוּק אַוֶועק אוֹיף דַיינֶע בַּאקְוֶועמְלִיכְקֵייטְן, אוּן אַז עֶס אִיז דִיר בַּאקְוֶועמֶער צוּ זַיין אִין דַיינֶע אֵייגֶענֶע ד׳ אַמּוֹת - זָאלְסְטוּ גֶעדֶענְקֶען אַז אַ קִימְפֶּעטָארִין דַארְף זִיךְ אָפְּרוּעֶן, בִּפְרַט בַּיי דִי עֶרְשְׁטֶע קִינְד דַארְף מֶען הָאבְּן דִי מַאמֶע זִיךְ אָפְּצוּרוּעֶן, זָאלְסְטוּ נִישְׁט זָאגְן אוּן אוֹיךְ נִישְׁט מְרַמֵּז זַיין אַז עֶס אִיז דִיר נִישְׁט אַזוֹי בַּאקְוֶועם, זָאלְסְט זִיךְ פְרֵייעֶן אַז דַיין וַוייבּ קֶען זִיךְ אָפְּרוּעֶן, אוּן וֶוען עֶס וֶועט קוּמֶען דִי צַייט וֶועסְטוּ צוּרִיק אַהֵיים גֵיין.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיְחִי תשפ״ה)

קוּמֶען פוּן וֶועג, וֶועל אִיךְ קֶענֶען זִינְגֶען, אוּן אִיר וֶועט קֶענֶען טַאנְצְן".

דֶעמָאלְט אִיז גֶעוֶוען דִי מַעֲשֶׂה אַז עֶס אִיז גֶעלִיגְן בֵּיי ר' נַפְתָּלִי דִי כְּתַב יַד פוּנֶעם "סֵפֶר הָא"ב", וָואס מֶען רוּפְט הַיינְט "סֵפֶר הַמִּדּוֹת (זֶע אוֹיבְן אִין סִימָן תפ"ו), אוּן דֶער רֶבִּי הָאט עֶס גֶענוּמֶען אִין הַאנְט אַרַיין אוּן זִיךְ אָנְגֶערוּפְן, "מַיין לִיבֶּער הַארְצִיגֶער חָבֵר, מַיין לִיבֶּער גֶעטְרֵייעֶר חָבֵר, אָט דָאס הָאט מִיךְ גֶעמַאכְט פַאר אַ אִיד". דָאס הֵייסְט אַז דוּרְךְ דִי זַאכְן וָואס זֶענֶען גֶעשְׁרִיבְּן אִין דֶעם סֵפֶר אוֹיף יֶעדֶע סָארְט מִדָּה, דוּרְךְ דֶעם הָאט עֶר זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט צוּ צֶעבְּרֶעכְן יֶעדֶע מִדָּה, בִּיז עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ וָואס עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען.

**תרנ**

קֵיין שׁוּם מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס אִיז פְּשַׁט פוּן דִי נְסִיעָה וָואס דֶער רֶבִּי פָּארְט, וָואס אִיז דִי סִיבָּה פַארְוָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אוֹיף דֶעם וֶועג.

זֵיי זֶענֶען גֶעפָארְן אִינְאֵיינֶעם בִּיז צוּם שְׁטָאט לִיפָּאוִויץ, דָארְט הָאט דֶער רֶבִּי גֶעמוּזְט צוּרִיק שִׁיקְן ר' נַפְתָּלִי פוּן נֶעמִירוֹב צוּרִיק אַהֵיים, וַוייל עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ שְׁוַואכֶער מֶענְטְשׁ אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט פָארְן אַזַא וַוייטֶע נְסִיעָה אוּן זִיךְ אַזוֹי אַרוּמְוַואלְגֶערְן אוֹיף דִי וֶועגְן, סְפֶּעצִיעֶל אַז עֶס אִיז דֶעמָאלְט גֶעוֶוען זֵייעֶר קַאלְט, עֶס אִיז גֶעוֶוען אִינְמִיטְן חוֹדֶשׁ שְׁבַט.

אַזוֹי וִוי עֶס הָאבְן גֶעווּאוֹינְט אִין שְׁטָאט לִיפָּאוִויץ אַסַאךְ פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ דָארְט אוֹיפְגֶעהַאלְטְן אַבִּיסְל אוּן גֶערֶעדְט אַסַאךְ מִיט זֵיי.

אִין אֵיינֶע פוּן דִי שְׁמוּעֶסְן הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, "וָואס קֶענְט אִיר אֲפִילוּ תְּשׁוּבָה טוּן? הָאט אִיר דֶען גֶענוּג טֶעג אוּן כֹּחַ צוּ קֶענֶען פַארְרֶעכְטְן אֲפִילוּ נָאר אֵיין פְּגַם וָואס אִיר הָאט גֶעטוּן? נָאר אִיךְ טוּ תְּשׁוּבָה פַאר אַייךְ, אוּן אִיךְ הָאבּ דִי כּוֹחוֹת צוּ פַארְרֶעכְטְן אַלֶעס וָואס אִיר הָאט מְקַלְקֵל גֶעוֶוען, נָאר דֶער עִיקָר אִיז אַז פוּן יֶעצְט אוּן וַוייטֶער זָאלְט אִיר מֶער נִישְׁט טוּן קֵיין שְׁלֶעכְטְס, אוּן אֲפִילוּ פוּן יֶעצְט אוּן וַוייטֶער בִּין אִיךְ אוֹיךְ נִישְׁט מַקְפִּיד אוֹיף וָואס אִיר וֶועט טוּן עֶפֶּעס בְּשׁוֹגֵג חַס וְשָׁלוֹם, נָאר דֶער עִיקָר אִיז אַז אִיר זָאלְט זִיךְ כָאטְשׁ הִיטְן פוּן עוֹבֵר זַיין בְּמֵזִיד", אוּן אַזוֹי הָאט עֶר דָארְט אַסַאךְ גֶערֶעדְט אוּן גֶעשְׁמוּעֶסְט מִיט זֵיי.

אוֹיךְ הָאט דֶער רֶבִּי דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט, "אִיךְ בִּין אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶער מֶענְטְשׁ, אוּן מַיין נְשָׁמָה אִיז אַ גְרוֹיסֶע וואוּנְדֶער!"

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה
גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"

### נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

# נייע אלבום פאר די אידישע מאמע "מיין בעסטע פרענד"

אין אן ערשטמאליגע ערשיינונג, איז יעצט ערשינען גאר א רייכער אלבום מיט'ן נאמען "מיין בעסטע פרענד", ספעציעל געאייגנט פאר פרויען און מיידלעך.

די גאר רייכע און פראפעסיאנאלע מוזיקאלישע ערענדזשמענטס, די ווארעמע הארציגע שטימע פונעם ראש ישיבה שליט"א, די זיסע נעימות'דיגע קלאנגען פון הבחור הפלא שמעון פארקאש, און פארשטייט זיך די טייערע פערל געדאנקען וואס ווערן אזוי הערליך אראפגעזינגען אין גראמען, דאס אלעס גיסט צוזאם א געוואלדיגע געשמאקע איבערלעבעניש ביים הערן דעם אלבום. דער אלבום איז אראנזשירט געווארן דורך מו"ה חיים מאיר ערפס הי"ו מיט מו"ה סענדער ראטה הי"ו, וועלכע האבן אריינגעלייגט פילע כוחות און צייט אז דער אלבום זאל ארויסקומען די שענסטע און בעסטע וואס איז נאר שייך.

די נעמען פון די ניגונים זענען ווי פאלגענד: 1 - אידישע מאמע, 2 - צניעות, 3 - מיין בעסטע פרענד, 4 - האר, 5 - שמחה, 6 - שבת, 7 - נעגל, 8 - גרויסע משפחה, 9 - טעראפי, 10 - צוואה.

דער אלבום איז דא צו באקומען ביי די מפיצים, ווי אויך קען מען עס הערן אויף די פרויען האטליין "קוואל פון אמונה", דורכ'ן דרוקן 1 און 7, און 1. ווי אויך אויף "קול ברסלב" דורכ'ן דרוקן 1 און 6, און 1. די לאקאלע נומערן צו רופן פון אלע געגנטער קען מען זען אין די קעסטלעך ביים סוף פונעם גליון.

***

# דינער פאר מוסדות "היכל הקודש" בארץ הקודש, אפגעהאלטן אין מאנסי

דעם פארגאנגענעם ליל שישי זענען אנשי שלומינו זיך צוזאמגעקומען פון איבעראל צו די זאלן פון "עטרת חי' שרה" אין מאנסי ניו יארק, מיטצוהאלטן דעם סעודת הילולא צו די יארצייט פון רבי נתן, אינאיינעם מיט'ן דינער פאר די מוסדות היכל הקודש אין ארץ ישראל, וואס איז שוין היינט ברייט פארשפרייט אין זיבן מוסדות אין ירושלים עיה"ק, אין טבריה, און אין בני ברק, מיט פילע קינדערלעך וואס לערנען דארט על טהרת הקודש, אן צו נהנה זיין א פרוטה פון די ערב רב.

דער יושב ראש, מו"ה מענדל קאהן הי"ו, האט אנגעפירט מיט'ן רייכן פראגראם מיט גרויס געניטשאפט, א חשובער גאסט רעדנער, מו"ה יהונתן שווארץ הי"ו, האט גערעדט גאר ווארעמע דיבורים פון הארץ, ער האט ארויסגעברענגט זיינע געפילן אלס טאטע און זיידע צו קינדער און אייניקלעך וואס לערנען אין היכל הקודש, ער האט גערעדט ווי גליקליך מיר דארפן זיין זיך צו געפינען אין אזא הייליגע קהלה, און ווי וויכטיג עס איז צוצולייגן א האנט צו העלפן דעם ראש ישיבה שליט"א אנצוגיין מיט די הייליגע ארבעט, און קענען שלעפן דעם שווערן לאסט צו דעקן די הוצאות פון די ברייט פארצווייגטע מוסדות איבער די וועלט.

מו"ה אהרן וועבערמאן הי"ו, דער גבאי צדקה פאר די מוסדות אין ארץ ישראל, האט גערעדט א דרשה, נאכדעם וואס מען האט אויפגעשפילט אביסל ווי ער גייט באזוכן אין די מוסדות אין ארץ ישראל, און מען האט געזען פון דער נאנט ווי עס גייט צו די הייליגע ארבעט פון די מחנכים און קינדער צווישן די ווענט פון די מוסדות, און ער האט אראפגעלייגט די נומערן וויפיל כוחות און געלט עס גייט אריין די הייליגע מוסדות, און שטארק אנגעווארעמט דעם עולם. ער האט ארויסגעברענגט אז אנדערש ווי געווענליך איז דער מנהל המוסדות, מו"ה יצחק פאפענהיים שליט"א, נישט געקומען צו פארן מיטצוהאלטן דעם דינער, ווייל ער וויל נישט איבערלאזן די קינדער און די מלמדים אפילו נאר פאר איין טאג, ער געבט זיך אוועק בלב ונפש פאר די הצלחה פון יעדעס קינד באזונדער.

דערנאך האט מען געהערט דעם וועכנטליכן שיעור פונעם ראש ישיבה שליט"א, וואס האט גערעדט איבער די גרויסקייט פון רבי נתן, אבער בעיקר פון אזעלכע סארט זאכן וואס מיר קענען אויך נאכמאכן, זאכן וואס מען קען מיטנעמען אהיים און עס אנהויבן טון, און מיט דעם מצליח זיין אין לעבן ברוחניות ובגשמיות, דער ראש ישיבה שליט"א האט גערעדט פון רעדן צום אייבערשטן אויף די אייגענע שפראך, פון זאגן משניות, ווי אזוי מען קומט זיך אויס אין שטוב און מען האט אן אמת'ע ליבשאפט און שלום בית, און נאך פילע אינטערעסאנטע נושאים, און ביים סוף ארומגערעדט פון די מוסדות היכל הקודש אין ארץ ישראל.

במשך דעם אוונט האט מען געהערט פון עטליכע אינגעלייט וואס האבן זיך אויפגעשטעלט דערציילן פערזענליכע מעשיות ווי אזוי זיי זענען פארפלאנטערט געווארן אין שווערע מצבים, און מיט'ן זכות פון געבן פאר די הייליגע מוסדות אין ארץ ישראל, לצדקת רבי מאיר בעל הנס, זענען געהאלפן געווארן מיט געוואלדיגע ישועות למעלה מדרך הטבע. און צום שלום האט מען אויסגעטיילט פאר יעדן די שטרי שותפות, וואס איז ערקלערט געווארן בטוב טעם ודעת דורך מו"ה ישראל העסקל הי"ו, ווי אזוי יעדער קענען נעמען א טייל אין די הייליגע ארבעט אז די מוסדות זאלן ווייטער קענען בליען, און די קינדער זאלן מצליח זיין לשם ולתפארת.

## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **אברהם נחום ליבערמאן** הי"ו ירושלים עיה"ק
צו די שמחת החתונה פון זיין טאכטער עב"ג למזל טוב

***

מו"ה **שלום יוסף יאקאבאוויטש** הי"ו קרית ברסלב
צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב

***

מו"ה **נתנאל לעוו** הי"ו בני ברק
צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב


## א שמועס מיט'ן ראש ישיבה שליט"א

גאר א באַטעמ'טע שמועס מיט'ן ראש ישיבה שליט"א איבער גאר אסאך נושאים
קול ברסלב
212-444-9191
1, 2, 1, 11, 1, 54-57

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**
רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו
**718-387-2691**
און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; פערזענליכע מעשיות; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון אמונה (פרויען) - שיעורים; פערזענליכע מעשיות; רעסעפיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com/** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**